j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

באשעפער! איך קען נישט
אליין
אָן דיין הילף - קען עס
נישט גיין.
<u>פזמון</u>: "וטהר לבנו"!
אונזער הארץ מאַך ריין
"וטהר לבנו"!
צו דינען דיך אליין.

*

**10. שעפעלע. לחן: ר' יוסל'ה רוזנבלט (מילים במקור: המבדיל בין קודש לחול)**

---

אין וואלד א טרויער שוין
עטליכע וואכן
א שרעקליכע מגיפה, דארט
אויסגעבראכן
יעדע טאג א לויה, א חיה
נאך א חיה
יעדער האט שנעל
זיין משפחה פארשפראכן.
אלע חיות, זאגען דעות
לאנגע הספדים, מיט גאנצע
ראיות
א סימן א קלארע, מען דארף
א כפרה
זאגט דער פוקס א סברא.

דער קעניג, די לייב, אלע
צאמגערופן
און זיך געטוהן פארטיפן
דער פוקס איז גערעכט
לאמיר קלאר מאכן די בילד
זעהן טאקע ווער עס איז די
שולד.

יעדער מתוודה זיין, דא
עס וועט
דערציילן יעדע חטא
כדי זאל נישט ווערן גלייך א
געשלעג
וועל איך זיין דער ערשטער
ווייזען די וועג.

געפארן אין וואלד, א פערד
און וואגן
פול קעלבעלעך אין שטאט
- אריינגעטראגן
צוריסן מיט די ציינער, א
סעודה א פיינער
זיך באלעקט מיט אלע ביינער.
נישט געבטל'ט אפילו, א רגע
לבטלה
דערנאך איינגעשלינגען אויך
דעם בעל עגלה
לא נדע מה נעשה, נישט קיין
פשוט'ע מעשה
א חשש פון 'אכילה גסה'.
<u>פזמון</u>: אוי! ניין! לייב, ניין!
מיר קענען דאס נישט
באשטיין
דו ביסט דער קעניג, און
אינטערטעניג
דארפן אלע פאר דיר זיין.
לאמיר הערן, צוזאמען קלערן

אריין טראכטן מיט געדולד
אויף וועם עס וועט פאלן
דער פסק
אויפ'ן קאפ - א האק
אראפ נעמען פון אונז די
שולד.

*

דער צווייטער שטעלט זיך
אויף דער בער
צו רעדן איז מיר זייער שווער
די טאג וואס איך האב
געזינדיגט
גלייך דערנאך
איז געקומען די מגיפה, די
בראך.
געפארן חתן-כלה צו א
חופה ווייט
געשפילט מוזיקאנטן, פון
יעדע זייט
צוביסן, געשעדיגט, אלעמען
ערלעדיגט
אזא חטא - עס איז נישט
גלאט.

<u>פזמון</u>: אוי! ניין! בער, ניין!
מיר קענען דאס נישט
באשטיין
אנן סהדי, ביסט געווען
גראדע

ארכיון העטיפות העולמי
pdfcd17@gmail.com

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com

אויסגעהונגערט אודאי.
לאמיר הערן, צוזאמען קלערן
אריין טראכטן מיט געדולד
אויף וועם עס וועט פאלן
דער פסק
איפ'ן קאפ - א האק
אראפנעמען פון אונז די
שולד.

*

דער מלאך, שטעלט זיך דארט
אוועק
אלע ביינער ווארפן זיך מיט
שרעק
איך פארשטיי שוין, האט ער
געוויינט
אודאי מיר האט מען
געמיינט.
א קינד קוים א וואך, מיט א
שמייכל א זיסן
פון קליינעם וויגל, ארויס
געריסן
אזוי באחנ'ט, אזוי שטארק
געוויינט
אזא חטא אזא מיסען.
<u>פזמון</u>: אוי! ניין! וועלוול, ניין!
מיר קענען דאס נישט
באשטיין
אזא קליינטשיק חטא, פון
דעם ווער רעדט

דארפסט עסן צו זיין גרויס
און פעט.
לאמיר הערן, צוזאמען קלערן
אריין טראכטן מיט געדולד
אויף וועם עס וועט פאלן
דער פסק
איפ'ן קאפ - א האק
אראפנעמען פון אונז די שולד.

*

פון די זייט, הערט זיך א
געוויין
א שעפעלע מאגער און קליין
איך האב אויך עפעס א עבירה
גלייבט'ס מיר!
איך האב נישט געהאט א
ברירה.
א קאלטע נאכט, געווען אין
יענע צייט
מיין בעלעבאס אויף מיר
רחמנות געהאט
אין די היים אריינגענומען,
מיר פארגרינגערט
אוי! בין איך געווען
אויסגעהונגערט.
א שטיקעלע שטרוי, האב איך
דארט דערזעהן
אין זיין שטיוול, איז עס
געווען
איך האב מיט דעם זיך

מחיה-געווען מיין לעבן
געטראכט, איך וועל-עס
אמאל אפגעבען.

אלע חיות די שעפעלע
- באפאלן
די משפט געטוהן צו-איילן
מיט א געשמאק
מקיים געווען די פסק.
אלע צוזאמען איר אנגעכאפט
צוביסן און צוקלאפט
די גאנצע ערד, מיט איר בלוט
איינגעזאפט.

*

ס'איז-דאך פשוט אזוי
אויף רציחה לעבט א גוי
שולדיג איז, די אידישע
שעפעלע
וועגן איין שטרוי.
"נחשבנו כצאן לטבח יובל
להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה".

*

אזעלעכע רציחות, אזוי פול
רשעות
זיי מאכן זיך שיין, אן קיין
בושות
אלעס זיי מעגן, קיינעם נישט
פרעגן
קיינער שטעלט זיך, זיי נישט

אקעגן.
נאר די שעפעלע, גייט שולדיג
ארויס
אלע פעלקער, מ'פייניגט
איר אויס
עפעס זי טוט, אויף דער מינוט
פארגיסן זיי אירע בלוט.

שעפעלע! שעפעלע! מ'וועט
דיך ראטעווען
די חיות וועלן נישט אייביג
בעלבאטעווען
קומען וועט דער פאסטוך,
מיט זיין שטעקן
און זיי אלע - אפמעקן.
אוי! וויינען שעפעלעך - וויפל
קען מען
קיינער וויל זיי נישט אריין
נעמען
א שטיקעלע שטרוי, איז אויך
נישט-דא
"הושענא צאן קדשים
הושענא".

j.music booklet archive
pdfcd17@gmail.com